NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13397

DER UMETUMGEYER

M. Ilin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

אומעטומגיי״ער

שול־און פיאָנערן־ביבליאָטעק

מ. אילין

דער אומעטומגייער

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

PRIN G U S.S.R.

מעלוכע־פארלאג פאר די נאציאָ־
נאלע מינדערהייטן אין אוסר״ר

כאַרקאָוו · 1933 קיִעוו

B/6068

די ביבליאָגראפישע פארצייכענונג פונעם
בוכ און די שיפערנ פאר ביבליאָטעק
קאטאלאָגנ זיינענ אָפגעדרוקט אינ „צײַט־
שריפט פונ דרוק" אונ אינ דעם קארטנ־רע־
פערטואר פונ דער אוקר. ביכער־פאלאטע.

פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטער—מ. קאמענשטיינ
טעכנישער רעד. } כ. ליומקיס
קאָרעקטער }
פאפיר 94 X 62—37 קג 1/16; 2 דרוקבויגנ. אינ
1 פאפיר־בויגנ 50 ט. צייכנס. פארלאג נומ. E—73
אָפגעגעבנ אינ זאצ 16|1 1933, אונטערגעשריבנ
צומ דרוק 11 VI 1933

אלוקר. פאליגר. פארייניקונג.
3־טע דרוקעריי, בערדיטשעוו
באשט. 714 3000 עקז. פארל. 337 E №
הויפטליט נומ. 2405; 2184 שטאטליט נומ. 216
1933 15־VI

פונ פארלאג

די אנטוויקלונג פונ דער טעכניק האָט א קאָלאָסאלנ באטײַט פאר אונדזער סאָציִאליסטישער בויונג. „אינ רעקאָנסטרוקציע־פעריִאָד אנטשיידט די טעכניק אלצ״ (סטאלינ). אָנעם באהערשנ די טעכניק וועלנ מיר ניט קענענ אויספילנ די גראנדיִעזע אופגאבעס פונעם 2־טנ פינפיאָר — אויסבויענ די אָנקלאסעווע סאָציִאליסטישע געזעלשאפט. דאָס באהערשנ די טעכניק האָט אויכ א גוואלטיקנ באטײַט פארנ באשיצנ אונדזער סאָציִאליסטיש פאָטערלאנד פונ די אימפעריִאליסטישע אָנפאלנ. אומגעהײַער גרויס איז די ראָלע פונ טעכניק אינעם טראנספּאָרט, אינ דער פארבינדונג.

אונדזערע לייענער וועלנ דעריבער מיט אינטערעס איבערלייענענ מ. אילינס ביכל, וואָס וועקט דעמ געדאנק אינ דער ריכטונג פונ אנטוויקלענ די טראנספּאָרט־טעכניק.

דער שטאָלענער זשוק

אינ וואלד האָט אָנגעהויבנ הודענ אונ טרעשטשענ. ברעכנדיק די טרוקענע קוסטנ אונ צווייַגנ, איז אפנ פעלד ארויסגעקראָכנ עפּעס א מעשונעדיק באשעפעניש. עס איז געווענ ענלעכ אפ א זשוק, א פארגרעסערטער אינ עטלעכע הונדערט מאָל — פונקט אזא גלאטינקער, גלאנציקער פאנצער, וואָס מינעט זיכ ווי שטאָל, פונקט אזעלכע פליגלענ, צונויפגעלייגטע אפנ רוקנ.

אָפּשטעלנדיק זיכ, ווי ער וואָלט זיכ פארטראכט, האָט דער קאָלאָסאלער זשוק פאנאנדערגעשפּרייט די פליגל אונ גענומענ הודענ איבערנ וואלד. מאכנדיק צוויי גרויסע קרייַזנ, איז דאָס באפליגלטע באשעפעניש אוועקגעפלויגנ איבער די שפּיצנ סאָסנעס, אהינ ווו ס'האָט זיכ געבלויט א וואלד-אָזערע. הויכ איבער דער אָזערע איז דאָס באשעפעניש אפ א רעגע אנשוויגנ געוואָרנ, האָט צונויפגעלייגט די פליגל אונ ווי א שטיינ — באצ אינ וואסער. דאָס וואסער האָט שווער א כליופּע געטאָנ, איז זיכ צעגאנגענ אינ קרייַזנ, האָט זיכ ווידער בארויִקט.

איינס, צוויי, דרייַ מינוט. די פינקעלעכ צעלייגנ זיכ אינ וועלדל. לעבנ ברעג, אינעמ דורכזיכטיקנ וואסער, שווימט צווישנ די שטיינער הינ אונ צוריק א קליינ פישעלע. אונ פלוצלינג באווייַזט זיכ אפנ אויבערפלאכ פונ דער אָזערע א קייַלעכיק אינדזעלע — א בלוילעכער נאסער רוקנ. מיט א לייַכט זשומעניש קאראבקעט זיכ דער זשוק ארופ אפנ ברעג. אינ דער גלאנציקער, גלאטינקער זייַט עפנט זיכ אופ א קליינ טירעלע, אונ פונ דאָרט קריכט ארויס, זשמורענדיק די אויגנ קעגנ דער זונ, א מענטש אינ א לעדערנער קורטקע.

וואָס איז עס — אנ אויסטראכטעניש צי אנ עמעס? צי איז דאָס געווענ, צי דאָס וועט קיינמאָל ניט זייַנ?

דאָס איז ניט געווענ, אָבער דאָס וועט זײַנ. מעגלעכ, אז נאָכ אינ אונדזער יאָרהונדערט וועט מענ אויסבויענ אזא אומעטומגייער—אזא אפאראט, וואָס וועט אי פליענ, אי שווימענ, אי טויכנ, אי גיינ, אי שפרינגענ. קיינ שומ שטערונגענ וועלנ ניט שרעקלעכ זײַנ פארנ אומעטומגייער. ער וועט ניט בלײַבנ שטעקנ אפ דער פאָליארער קריהע, עס וועלנ אימ ניט אָפשטעלנ קיינ אומדערגרייכלעכע בערג. פאר אימ וועלנ ניט זײַנ קיינ אומדורכגייעוודיקע זומפנ אונ וועלדער. פאָלגנדיק בלויז דעמ קאָמפאס אונ דער מאפע, וועט דער פירער פונעמ אומעטומגייער ריכטנ זײַנ וועג וווּהינ ער וועט וועלנ אונ וויאזוי ער וועט וועלנ.

צוויי פונקטנ אונ א גראָדע צווישנ זיי

אָנצייכענענ אפ דער מאפע צוויי פונקטנ אונ דורכפירנ צווישנ זיי א גראָדע ליניע איז זייער לײַכט. אָבער פרווּוט נאָר אינדערעמעסנ, אפנ ערד־קײַלעכ—אונ ניט אפ דער מאפע—טרעפנ פונ איינ פונקט ביזנ אנדערנ. דאָס איז ניט שטענדיק לײַכט אונ פאָשעט. אָט, לעמאָשל, איז דעמ 23 מײַ 1928 יאָר פונ שפיצבערגענ[1] ארויסגעפלויגנ

1) שפיצבערגענ—א אינדזל אינעמ צאָפנדיקנ אײַז־אָקעאנ.

אינ דער ריכטונג צום צאָפנ־פּאָלוס די לופט־שיפ „איטאַליע” פאר קנאפּע 20 שאָ רײַזע זײַנענ שוינ די רײַזנדער געווענ אפנ פּאָליוס אונ האָבנ וועגנ דעם דורכ דער ראַדיאָ געלאָזט וויסנ דער גאנצער וועלט. אונ מיט עטלעכע שאָ שפּעטער האָבנ שוינ די צײַטונג־פארקויפער פארקויפט פרישע צײַטונג־נומערנ מיט אנ אָקאָרשט אָפּגעדרוקטער נאָטיצ „איטאַליע אפנ פּאָליוס”.

— א רײַזע אפנ פּאָליוס? עס איז דאָכ איצט א שפּילעכל.

פיל האָבנ אזוי געקלערט, גלײַכגילטיק לויפנדיק מיט די אויגנ איבער דער צײַטונג. פריער פלעג מענ דארפנ פּאטערנ עטלעכע יאָר אפ איבערוקנ זיכ אינ דער ריכטונג צום פּאָליוס אפ א וועלכנ ניט איז ברייט־גראַדוס, אונ איצט, אינעם יאָרהונדערט פונ דאמפ אונ עלעקטריע, אינעם יאָרהונדערט פונ דיריזשאַבל אונ עראָפּלאנ, איז צופליענ צום פּאָליוס עפּשער עטוואָס שווערער, ווי צופאָרנ פונ לענינגראַד קיינ מאָסקווע.

אָבער די מענטשנ, וואָס האָבנ אזוי געקלערט, האָבנ געהאט א ביטערנ טאָעס.

דעם 25־טנ מײַ האָט זיכ די ראַדיאָ־פארבינדונג מיט „איטאַליע” פּלוצלינג איבערגעריסנ. „איטאַליע” איז פארשווונדנ. גאנצע צוויי וואָכנ האָט מענ וועגנ איר גאָרניט געהערט. אונ בלויז דעם 7־טנ יוני איז צו אונדז דערפלויגנ א רופ וועגנ הילפ. „איטאַליע” האָט זיכ צעקלאפּט אינ אנ אײַזפעלדז.

בעייס דער קאטאסטראָפע איז א טייל פונ דער קאָמאנדע געבליבנ אפ א שווימענדיקער קריהע, אונ די איבעריקע האָט עס ערגעצ פארטראָגנ מיט די רעשטלעכ פונעם דיריזשאַבל.



אמאָל פלעגן די יאמ־לײַט, מיט וועלכע עס איז געשען א קאטאסטראָפע, געבן וועגן זיך צו וויסן אזוי: זיי פלעגן אָנשרײַבן א בריוו, אים ארײַנלייגן אין א פלאש פון ווײַן, די פלאש פלעגן זיי פארקאָרקעווען און פארכאסמענען מיט וואקס און זי ארײַנוואָרפן אין וואסער. די פלאש פלעג שווימען איבער די כוואליעס א יאָר צוויי. אמאָל פלעג זי א הײַפיש אײַנשלינגען, אָפטמאָל פלעג זי זיך צעקלאפּן אָן א שטיין. אָבער עס פלעג אויך טרעפן אזוי, אז די פלאש האָט אָנגעטראָפן אף עפּעס א סאָכרישן בריג [1]) אָדער אף א וואלפישפאנגענדיקער שכונע [2]). עס פלעג אריבער נאָך עטלעכע כאדאָשים אָדער יאָרן אוני, ענדלעך, פלעגן די פרויען און די מוטערס פון די אומגעקומענע געווירע ווערן, אז אין אזא און אזא יאָר האָט זיך אזא און אזא שיף צעקלאפּט אָן א פעלדז אין אָקעאן.

1) בריג—זעגלשיף פאר האנדל־ און מיליטער־צוועקן. ווען דער יאם איז שטיל,־גייט זי אף רודערס.

2) שכונע—א זעגלשיף, וואָס מע פלעג אויסנוצן אף טראנספּאָרטירן מאסאָעס.

אין אונדזערע צײַטן איז אסאך בעסער. די פארצײַטיקע
טווײַן־פלאש האָט פארביטן דער ראדיאָ־איבערגעבער. אין צוויי



וואָכן ארום נאָך דער קאטאַ־
סטראָפע פון „איטאליע“ האָט
די גאנצע וועלט זיך דערוווּסט,
ווו עס געפינט זיך איר עקס־
פּאַזש. אפ דער מאפּע האָט מען
די עקספּעדיציע געפונען. אפ
אזא און אזא גראדוס פון דער
צאָפן־בּרייט, אפ אזא און אזא
גראדוס פון דער מיזרעך־לענג.
צי איז דאָס דען ניט קיין נײַ
צאָכן פון דער טעכניק? אָבער
פרייען זיך איז געווען פרי. עס איז געווען ווייניק אָפּצוצייכע־
נען אפ דער מאפּע מיט א צײַלעמל דאָס אָרט פון דער קאטאס־
טראָפע. מע האָט באדארפט אהין אָנטרעפן. און דאָס איז ניט
אזא גרינגע זאך.

אלע געדענקען די ארבעט פון די רעטונג־עקספּעדיציעס.
אלע וויסן, וואָסערע אומגלויבלעכע, איבערמענטשלעכע אָנ־
שטרענגונגען עס האָט געפאָדערט דאָס ראטעווען נאָבילען און
זײַנע כאוויירים. בא יעדן ארויפלאָז אפן ניט־גלײַכן פּאָליאר־אײַז
האָבן די פליִערס ריזיקירט צו ברעכן האלדז־און־נאקן אָדער,
אין בעסטן פאל, קאליע צו מאכן די פלימאשין. און ווירקלעך
האָט דער פליִער אנדעבערג צעבראָכן דעם עראָפּלאן בא
דער צווייטער אראָפּנידערונג, דער פליִער טשוכנאָווסקי האָט
בא דער ערשטער אראָפּנידערונג צעבראָכן די שניי־גליטשערס
און דעם שאסי[1], און בלויז דעם דערפארענעם פּאָליארן
פליִער באבושקין האָט זיך אײַנגעגעבן 14 מאָל נאָכאנאנד זעצן
זיך בעשאָלעם אפן אײַז. אָבער אפן 15־טן מאָל איז אויך בא
אים געשען אן אוואריע—ער האָט צעבראָכן די שניי־גליטשערס.

1) שאסי — א וועגל, אפ וועלכן עס איז באפעסטיקט דער קאָרפּוס פון
דער פלימאשין.



אזוי האָבן געארבעט די פּלימאשינעס. און וויאזוי האָבן גע־ארבעט די אײַזברעכער ?

„מאליגין" איז דעם 19 יוני ארײַנגעגאנגען אינעם אײַז, און שוין אפן צווייטן טאָג האָבן אים פארשפארט די אײַז־פעלדער. גאנצע 16 מעסלעס האָט ער ניט געקאָנט זיך רירן פונעם אָרט. און בלויז א יאם־שטורעם האָט אים באפרײַט פון דער געפענ־קעניש.

„מאליגין" האָט זיך געלאָזט ווײַטער, דורכשלאָגנדיק זיך א וועג צווישן דעם אײַז. אמאָל האָט זיך אים אין מעשעך פון א גאנצן מעסלעס אײַנגעגעבן דורכצוגיין בלויז איין מײַל אָדער צוויי.

א מורעשקע וואָלט דורכגעקראָכן מערער.

אין רעזולטאט האָט „מאליגין" זיך אומגעקערט אהיים מיט צעקוועטשטע זײַטן און מיט א לאָך אין טריום.

„קראסין" איז ארײַנגעגאנגען אינעם אײַז דעם 2־טן יולי. צום ציל איז אים איבערגעבליבן דורכגיין 150 קילאָמעטער. ער האָט באדארפט האָבן גאנצע עלף מעסלעס אפ דורכצוגיין דעמדאָזיקן מעהאלעך, וואָס איז עטוואָס גרעסער פונעם מע־האלעך צווישן לענינגראד און לוגע. אין די שלאכטן מיטן אײַז האָט „קראסין" געליטן ערנסטע צעשעדיקונגען. צום גליק, איז ווײַטער—ניט ווײַט פונעם האָרן ליי־סמיט—דאָס אײַז געווען שיטער, און „קראסינען" איז געלונגען דורכצושלאָגן זיך צו די מענטשן, מיט וועלכע עס האָט פאסירט די קאטאסטראָפע.



— נו, זעט איר? — וועט איר זאָגן, — האָט זיך דאָך „קראַסינ" פאָרט דורכגעשניטן דורכן אײַז.

עמעס. אָבער וויפל אָנשטרענגונגען האָט עס אים געקאָסט! דורכרוקן זיך מיט שלאַכט און פּאָשעט באַוועגן זיך איז ניט אַלצײַנס. אײן זאַך איז צו פאָרן מיט דער אײַזנבאַן פון לענינ־גראַד קיין מאָסקווע אָדער צו פליִען אַף אַ פּאָסט־פּאַסאַזשירישן אעראָפּלאַן פון מאָסקווע קיין קעניגסבערג 1). צוליב דעם דאַרף מען קלאל ניט זײַן קיין העלד. אָבער גאָר אַן אַנדער זאַך איז מאַכן אַ פּאָליאַר־רײַזע.

און אָט איז אַ צווייטער פאַל. אין אַפּרעל 1919 יאָר האָט פון דער שטאָט אַשכאַבאַד 2) זיך אָוועקגעלאָזט אינעם מידבער קאַראַ־קום 3) אַן אויטאָמאָבילן־עקספּעדיציע: אײן פאָרד־ און צוויי מאַשינעס „רענאָ סאַגאַראַ". ווי נאָר זיי זײַנען דערגאַנגען צו די שיטיקע זאַמדן, איז אויסגעקומען דעם אויטאָמאָביל פאָרד אָפּשיקן צוריק. די מאַשינעס „רענאָ סאַגאַראַ" זײַנען געגאַנגען ווײַטער, ווײַל זייערע רעדער זײַנען צוגעפּאַסט צום

1) קעניגסבערג — אַ שטאָט אין דײַטשלאַנד.

2) אַשכאַבאַד — די הויפּטשטאָט פון ראַטן־טורקמעניע.

3) קאַראַ־קום — אַ זאַמד־מידבער אין דער טורקמענישער רעפּובליק. קאַראַ־קום באַטײַט: „שוואַרצע זאַמד".

באוועגנ זיכ איבער זאמד. אָבער ניט געקוקט דערופ איז די רײַזע געווענ אנ אויכערסט שווערע. עס איז אויסגעקומענ אונטערצולייגנ אונטער די רעדער הילצערנע רעשאָטקעס, אויסשפּרייטנ דעמ וועג מיט צווײַגנ פונ סאקסאול 1) אונ אפ די שיפּוימ שלעפּנ די מאשינ מיט די הענט. די ראָלנ האָבנ זיכ געביטנ: ניט די אווטאָ האָט געפירט די מענטשנ, נאָר די מענ־טשנ האָבנ געפירט די אווטאָ. דרײַ מעסלעס האָט געדויערט דער קאמפ מיט די זאמדנ, אונ דורכגיינ האָט מענ געדארפט בלויז 160 קילאָמעטער.

אזעלכע בײַשפּילנ וואָלט מענ געקאָנט ברענגענ אינ די צענדליקער.

דער מענטש לערנט זיכ ערשט גיינ איבער דער ערד, ווי א קליינ קינד. דערווײַל האָבנ מיר זיכ אויסגעלערנט גיינ בלויז איבער א גלאטער גלײַכער פּידלאָגע. אונ בלויז דאנ וועלנ מיר זיכ אויסלערנענ גיינ ווי דערוואקסענע, ווענ מירנ אויסבויענ דעמ אומעטומגייער.

וועגנ פאָרויסזאָגונג

אָבער מעגלעכ, אז מע וועט דעמ אומעטומגייער קיינ־מאָל ניט אויסבויענ? עפּשער איז דאָס בלויז א צעהיצטע פאָרשטעלונג, א פאנטאזיע? מאלע וואָס מע קאָנ זיכ פאָרשטעלנ! פאָרויסזאָגנ איז גרינג, אָבער ניט יעדער פאָרויסזאָגונג ווערט מעקויעמ.

דאָס אלצ איז געוויינלעכ ריכטיק. אָבער עס זײַנענ פאראנ פאָרויסזאָגונגענ, וואָס ווערנ אומבאדינגט מעקויעמ.

זשול ווערנ האָט קיינ טאָעס ניט געהאט, ווענ ער האָט פאָרויסגעזאָגט אנ אונטערוואסער־שיפ. דאָס איז אימ געלונגענ בלויז דערפאר, וואָס שוינ אינ זײַנ צײַט האָט מענ געמאכט די ערשטע פּרוּוונ אויסצובויענ אנ אונטערוואסער־שיפל.

---

1) סאקסאול — א נידעריק צווײַגיק ביימל, וואָס וואקסט אפנ זאמדיקנ אונ זאלציקנ באָדנ אינ דער טורקמענער, אוזבעקישער אונ קאווקאזער רעפּובליקנ.

דער ראָמאַן „צוואַנציק טויזנט מײַל אונטער דער וואַסער" איז דערשינען אין 1870, און 7 יאָר פאַר דעם האָט מען שוין די אונטערוואַסער־שיפלעך אָנגעווענדעט אין אַמעריקע אין דער מילכאָמע פונעם צאָפן קעגן דאָרעם.

עמעס, דידאָזיקע שיפלעך זײַנען געווען זייער ניט פאַרפולקומט. קימאַט יעדער מאָל, ווען מע האָט זיי געלאָזט אין גאַנג, זײַנען זיי דערטרונקען געוואָרן צוזאַמען מיטן גאַנצן עקיפּאַזש. איין שיפל האָט מען אַרופגעהויבן פונעם דנאָ דרײַ מאָל. אַפן פערטן מאָל האָט עס דאָך געוויזן אַ בעריעשאַפט און אַראָפּגעזעצט אַ פײַנטלעכע שיף, אָבער דערבײַ איז עס אויך אַליין אומגעקומען.

זשול ווערן האָט ניט מוירע געהאַט פאַרוואַנדלען דידאָזיקע אומגעלומפּערטע שאָלעכץ פון קעסל־אײַזן אין אַ מעכטיקן „נאַוטיליוס"—אין אַ קאָמפאָרטאַבעלע וווינונג פונעם געהיימען קאַפּיטאַן נעמאָ.

גייט זיך נאָר דורך אין אַ ביבליאָטעק און גיט אַ זוך אין דער קופּע לעצטע טעכנישע זשורנאַלן, וועט איר אַנטפּלעקן אַסאַך דערפינדער, וואָס אַרבעטן שוין איבערן בויען דעם אומעטומגייער. דאָס עצעם וואָרט „אומעטומגייער" האָב איך ניט אויסגעטראַכט, מע קאָן עס געפינען אין העכסט זאַכלעכע, אַבסאָליוט ניט פאַנטאַסטישע אַרטיקלען און פאָרטראַגן.

עס זײַנען שוין פאַראַן יאַבאָשע־אומעטומגייער, וואַסער־אומעטומגייער, ערדוואַסער־אומעטומגייער. אין די צײַטונגען האָט אַפילע דורכגעבליצט אַ יעדיע, אַז אין ענגלאַנד האָט מען אויסגעבויט אַן „אַעראָ־הידראָ־אַווטאָמאָביל". דאָס איז אַן אווטאָמאָביל, וואָס אויב מע וויל, קאָן מען אים פאַר עטלעכע מינוט פאַרוואַנדלען אין אַ מאָטאָריש שיפל, אָדער אין אַ אַעראָפּלאַן. צי איז דאָס אַזוי אין דערווירקלעכקײַט—וועט ווײַזן דער אויספּרוּוו.

מעגלעך, אַז סע וועט נאָך אַוועק אַסאַך יאָרן, ביז מירן פון די ערשטע אומגעלומפּערטע פּרוּוון אַריבערגיין צו אַ גוט פאַרפולקומטן מאָדעל פון אַ אומעטומגייער. מעגלעך, אַז דער אומעטומגייער וועט לאַכלוטן ניט זײַן ענלעך צום דאָזיקן

אפאראט מיטן איבערגעשפיצטן נאָמען—אעראָ־הידראָ־אווטאָ־מאָביל. אָבער צווישן קיוניאָס דאמפּ־וואָגן און אונדזער לאָקאָ־מאָטיוו איז דאָך אויך פאראן ווייניק ענלעכקייט, און פונקט אזוי ווי פאר קיוניאָס צײַטן האָט מען געקאָנט פאָרויסזאָגן דעם לאָקאָמאָטיוו, פונקט אזוי דארף מען אין אונדזער צײַט ניט זײַן קיין נאָווי, קעדיי פאָרויסצוזאָגן דעם אומעטומגייער.

וויאזוי אָבער וועט דערדאָזיקער אומעטומגייער זײַן געבויט?

זוכן נײַע מיטלען

נעמט וועלכע ס'ניט איז שוין לאנג געלייזטע טעכנישע אופּ־גאבע און פרוווט זי לייזן אף אן אייגענעם אויפן. יעטווידער טעכנישע אופגאבע קאָן געלייזט ווערן ניט אף איין אויפן, נאָר אף אסאך אויפאנים.

לאָמיר נעמען, לעמאָשל, דאָס בויען הײַזער. שוין פון לאנגע יאָרן, אז מיר בויען הײַזער פונונטן, צוערשט דעם ערשטן שטאָק, נאָך אים דעם צווייטן, דערנאָך דעם דריטן און אזוי ווײַטער.

אזוי האָט מען נאָך געבויט, ווי עס דערציילט די אלטע לעגענדע, דעם בארימטן באָוול־טורעם.

און אָט אין צוואנציקסטן יאָרהונדערט קומט צו גיין א מענטש אָן שום זאבובאָנעס און זאָגט:

— פאַרוואָס זאָל מען ניט קאָנען בויען אלע שטאָקן מיטאמאָל?

די אופגאבע פון בויען הײַזער איז אין אמעריקע געלייזט גאָר אף א נײַעם אויפן: צוערשט שטעלט מען אוועק אף א פונדאמענט אן אײַזערנעם סקעלעט פון באלקנס, און דערנאָך הייבט מען אָן אין אלע שטאָקן מיטאמאָל פארפולן די ווענט מיט בעטאָן־פליטעס, לייגן די דילן, אָנהענגען די טירן און די פענצטער. פאר א 3—4 וואָכן צײַט איז דאָס הויז פארטיק.

אין אונדזער צײַט איז איבערגעקוקט און פונסנײַ געלייזט געוואָרן ניט איינע אלטע אופגאבע. עס האָבן זיך באקומען די אויסערגעוויינלעכסטע, פאנטאסטישסטע לייזונגען. עס גייט אָף

אינ דער פארגאנגנהײַט — דער אלטער פארדינטער ציגל. אנ־שטאָט אימ האָט מענ אויסגעטראכט די בעטאָנ־פּליטע, וואָס פארבײַט 50 ציגל (זע געמעל). עס טרעט אָפּ אונטערנ דראנג פונעמ עלעקטרישנ טאָק דאָס פײַער, וואָס האָט געדינט דעמ מענטשנ 50 טויזנט יאָר. א לאָמפּ אָנ פײַער, אויוונ אָנ פײַער — דאָס איז ניט קײנ אויסגעטראכט מײַסעלע, נאָר געוויינלעכע פאר אונדז זאכנ.



דאָס אלטע לעבנ, די אלטע געוווינהײַטנ גײענ פאר אונ־דזערע אויגנ אָפּ אינ דער ספערע פונ זיכרוינעס, אינ בײַכער, אינ מוזײענ.

אסאכ יאָרנ צוריק האָבנ מענטשנ אויסגעטראכט די ראָד אונ דעמ וועג. מע האָט באמערקט, אז קײַקלענ איז אסאכ גרינגער, ווי שלעפּנ, אונ אז אפ א גלאט אָרט איז קײַקלענ גרינגער, איידער אפ א ניט־גלאטנ. די אופגאבע וועגנ באוועגנ זיכ איבער דער ערד איז געלייזט, אונ געלייזט גלענצנדיק. ביז דער לעצטער צײַט איז קײנעמ ניט ארופגעקומענ אפנ זינענ, אז מע קאָנ פאָרנ ווי ס׳ניט איז אנדערש. אלע שטרעבונגענ פונעמ דערפינדער זײַנענ געווענ געווענדט דערופ, וויאזוי צו פאר־בעסערנ דעמ וועג. עס זײַנענ דורכגעלייגט געוואָרנ שאָסיי־וועגנ, אײַזנבאנענ, אונטערערדישע וועגנ. דער מענטש אָפּערירט איבערנ ערד־אויבערפלאכ, ווי א דרייסטער ביהורג. ער גלעט אויס בערג, פארשיט גריבער, שלאָגט דורכ טונעלנ דורכ בערג.

עס וואקסט שנעל די וועג־נעצ. אָבער נאָכ שנעלער וואקסט די באדערפעניש אינ וועג. די גוואלדיק־גרויסע ערד־ראכוועסנ זײַנענ ביז איצט צוטריטלעכ בלויז פאר דרייסטע רײַזנדער. קעדיי צו דעראָבערנ די גאנצע ערד, קעדיי צו מאכנ לײַכט צוטריטלעכ יעדער שפאנ ערד, ווו ער זאָל ניט זײַנ, דארפ מענ געפינענ א מיטל צו פאָרנ איבער אנ אָנוועג פונקט אזוי לײַכט אונ פּאַשעט, ווי אפ א וועג.



אַן אווטאָמאָביל אַף פיס

די אַלטע לייזונג פון דער אופגאַבע איז געווען אַזאַ: אַ ראָד און אַ וועג. מיר ווילן געפינען אַן אַנדער לייזונג פון דער אופגאַבע—באַגיין זיך אָן אַ וועג. דאַרפן מיר זיך אויך אָפּזאָגן פון דער ראָד. די ראָד האָט מען דאָך אויסגעטראַכט פאַרן וועג. די רעדער דולדן ניט קיין שלעכטע וועגן. אַנדערהאַלבן הונדערט יאָר צוריק האָט דער שרײַבער דידראָ געמאַכט אַ רײַזע פון פּאַריזש קיין פּעטערבורג. די וועגן זײַנען געווען אַזעלכע שלעכטע, אַז דידראָן איז אויסגעקומען אין וועג אוועקוואַרפן 4 קאַרעטעס. צעבּרעכן אַ קאַרעטע איז דאַן געווען די סאַמע געוויינלעכסטע זאַך. אַזוי אַז פון דער ראָד זאָגן מיר זיך אָפּ. אָבער אַף וואָס פאַרבײַט מען זי?

דאָס נאַטירלעכסטע וואָלט געווען צומאַכן צום וואָגן פיס. לאַכט ניט, דאָס איז אַ גאַנץ וואַרשײַנלעכע זאַך. אַן אווטאָמאָביל אַף פיס האָט שוין דערפונדן אַן אויסלענדישער אינזשענער. זײַן מאַשין, וועלכע ער האָט אָנגערופן „וויאַג“, האָט 4 פיס אָדער, ריכטיקער געזאָגט, לאַפּעס. דער פוסטראָט בּאַ דער לאַפּע איז ניט קיין קלענער: אין דער לענג 4 מעטער און אין דער בּרייט קימאַט אַנדערהאַלבן. בּעייסן פאָרן, דאָס הייסט, ריכטי-

קער געזאָגט, בעייסן גייִן, הייבט אוף דער אווטאָמאָביל די לאַפּע, רוקט זי שנעל ארויס פאָרויס און שטעלט זי אָפּ דער ערד. יעדער שפּאַן—120 סאַנטימעטער. אין א שאָ גייט דורך דער אווטאָמאָביל 10 קילאָמעטער.

ער גייט לײַכט איבער דורך ריוועס, שטיינער, סלופּעס,ביימער, וואָס ליגן אָפּ דער ערד, ער זינקט ניט אײַן אין שניי, ריזנעט ניט אין בלאָטע.

קיין שינעס דאַרף דער „וויִאַג" ניט האָבן. עמעס, די שיך זײַנע טראָגן זיך אָביסל אָפּ, אָבער אָפּ דערויף איז פאַראַן א שוסטער־וואַרשטאַט, דאָס הייסט א רעמאָנט־וואַרקשטאַט, וווּהין דער „וויִאַג" דאַרף פון צײַט צו צײַט אַרײַנקומען, קעדיי צו פאַרלאַטען זײַנע שטאָלענע שטיוול.

דער „וויִאַג" עסט אוף ווייניקער בענזין איידער דער רעדערדיקער לאַסט־אווטאָ פון דערזעלבער גרייס. ער קאָן טראָגן א מאַסע פון 5 טאָן, דאָס הייסט 300 פּוד.

עס־איז גאַנץ מעגלעך, אַז אַזעלכע לאַפּעדיקע אווטאָמאָבילן וועלן זיך באַווײַזן אויך בא אונדז. שפּאַצירנדיק ערגעץ אין פעלד, וועט איר פּלוצלינג דערזען אַן אומגעהײַער גרויסע מעשונדיקע כײַע, וואָס גייט פּאַשעט אָפּ אײַך איבער בערגלעך און גריבער, און בלויז צוקוקנדיק זיך, וועט איר זיך איבערצײַגן אין דעם, אַז דאָס איז ניט קיין כײַע, נאָר א לאַסט־אווטאָ אָפּ שטאָלענע פיס.

וויִאַזוי גייען מיר און וויִאַזוי פאָרן מיר

די פוס קאָן ניט זײַן קיין ערנסטער קאָנקורענט דער ראָד. בא יעדן טראָט הייבן מיר אוף די פוס, טראָגן זי ארויס פאָרויס און לאָזן זי אַראָפּ. די פוס באַצייכנט דערבײַ א קאָמפּליצירטע זיגזאַגיקע קרומע ליניע.

פאַרקערט, דער שווערפּונקט פון דער ראָד באַוועגט זיך אָפּ א גלײַכן וועג לויט א גראָדער ליניע. אַזוי אַז די ראָד איז אָפּ אַזויפיל לויִנעוודיקער פון דער פוס, אָפּ וויפל א גראָדע ליניע איז קירצער פון א קרומער.

אוןווירקלעך, די שנעלקייט פונעם „וויאַג" איז באַדייטנדיק קלענער פון דער שנעלקייט פון א געוויינלעכן רעדערדיקן לאַסט־אווטאָ.

דער אומעטומגייער וועט מיסטאָמע זיך באַוועגן ניט אַף פיס, נאָר אַף א וועלכן ס'ניט איז אַנדער אויפן.

מע דאַרף די ראָד ניט אַרויסוואַרפן, נאָר ווי ס'ניט איז זי צופּאַסן צום ניט־גלייכן וועג.

דער הויפּט־כיסאָרן פונעם רעדערדיקן עקיפּאַזש באַשטייט אין דעם, וואָס יעדער פּאָר רעדער איז ווי יענער סיאַמער צווילינג, וועגן וועלכן עס ווערט דערציילט אין א מייסעלע. איין ברודער שטייט אוף, און דעם צווייטן קומט שוין אויך אויס אופשטיין. איין ברודער זעצט זיך, קומט דעם צווייטן אויך אויס זיך זעצן.

דאָסזעלבע האָבן מיר אויך דאָ. עס איז גענוג, אַז איין ראָד זאָל אַרופליען אַף א בערגל און אָנבייגן זיך, ווי די צווייטע ראָד בייגט זיך אויך אָן, און דערפון בייגט זיך אָן אַף א זייט אויך דער גאַנצער עקיפּאַזש. אָט פאַרוואָס אַף א שטאַרק ניט־גלייכן וועג איז לייכט אי דעם עקיפּאַזש איבערקערן, אי די רעדער צעברעכן.

וואָס זשע טוט מען, אַז דאָס זאָל אַזוי ניט זיין? וויאַזוי צעשיידט מען דעם צווילינג?

צוליב דעם איז דאָ בלויז איין מיטל—פאַרניכטן די אומבאַוועגלעכע אַקס, וואָס פאַרבינדט די רעדער צווישן זיך.

דער אווטאָמאָבילן־זאַוואָד „סיזער" אין פראַנקרייך האָט טאַקע אַזוי געטאָן. באַם אווטאָמאָביל „סיזער" זיינען ניט פאַראַן קיין אומבאַוועגלעכע אַקסן. דער קאָרפּוס פונעם אווטאָמאָביל שפּאַרט זיך אָן אַף די רעדער דורך הויבערלעך אַף געלענקען, וואָס דערמאָנען אין הענט, אַזוי אַז די רעדער זיינען ניט פאַרפעסטיקט אומבאַוועגלעך, נאָר גייען פריי אַרוף און אַראָפּ. דעריבער איז יעדער ראָד אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון די איבעריקע רעדער, זי פּאָרט אַרוף אַף בערגלעך אָדער לאָזט זיך אַראָפּ אין גריבער, ניט צווינגענדיק דעם אווטאָמאָביל־קאָרפּוס זיך אָנבייגן אין א זייט.



אינ 1926 יאָר איז די מאשינ „סיזער" דורכגעגאנגענ דורכ די אלפּנ [1], אָווערנ [2] אונ פּירענייענ [3] מיט א צעגראָבענעם אונ זיגזאגיקנ בארג־וועג. דער אויספּרוּוו האָט געגעבנ גלענצנדיקנ רעזולטאטנ.

איצט בויענ אסאכ זאוואָדנ מאשינעס מיט „אומאָפּהענגיקע רעדער". א קאָרעספּאָנדענט פונעם זשורנאל „זא רוליאָמ" שרײַבט „מיר איז אויסגעקומענ פאָרנ אפ אזעלכע מאשינעס איבער די ערגסטע וועגנ, מיט טיפע באיורעס, גריבער, דערבײַ איז די מאשינ געגאנגענ מיט א שנעלקײַט פונ 70—80 קילאָמעטער אָנ שומ טרייסלעניש".

די מאשינ „סיזער" דערמאנט מיט איר געבוי דעמ אומעטומ־גייער פונ ענגלישנ אינזשענער האָל. אלע 4 רעדער זײַנענ צוגעטשעפּעט זעלבשטענדיק. נאָר דאָס איז ווייניק—יעדער ראָד ווערט אָנגעפירט אונ באווענט זיכ אומאָפּהענגיק פונ די איבעריקע.

האָלס אומעטומגייער איז אויסגעפּרוּווט געוואָרנ אינ וואלד דע-מארלי אינ פראנקרײַכ אונ דערנאָכ אפ א ריינעמ פעלד. אינ די אויסלענדישע צײַטונגענ שרײַבט מענ, אז דער אויספּרוּוו איז דורכגעגאנגענ מיט דערפאָלג.

---

1) אלפּנ—א בארג־קייט, וואָס ציט זיכ אינ צאָפנ־איטאליע.

2) אָווערנ—א בארגיקע פּראָווינצ אינ צענטראל־פראנקרײַכ.

3) פּירענייענ—א בארג־קייט, וואָס טיילט אָפּ פראנקרײַכ פונ שפּאניע.

א וועג, וואָס מע טראָגט אים מיט זיך

אויב איר דאַרפט האָבן אַ גוטן וועג, נעמט אים מיט זיך אין דער רייזע.

א וועג, וואָס מע נעמט אים מיט זיך — דאָס איז ניט מייַן אויסטראַכטעניש. יעדער קריג-טראַקטער, יעדער טאַנק טראָגט זײַן וועג מיט זיך.

אַנשטאָט רעדער איז בײַ אַזעלכע טראַקטערס און טאַנקען פאַראַן קריכערס — צונויפגעשלאָסענע לענטעס פון שטאָלענע גלידער.

ווען מע נעמט אַראָפּ די לענטע, זעט מען, אַז דער טראַקטער שטייט אויף ראָליקעס. ווען דער טראַקטער פאָרט, קײַקלען זיך די ראָליקעס איבער דער לענטע ווי איבער רעלסן, און די לענטע לויפט זיך אונטער די ראָליקעס אויף צוריק, הייבט זיך אויף אויף אַרויף, גייט אַרום די ראָליקעס פון אויבן, לאָזט זיך אַראָפּ און לויפט ווידער איבער דער ערד. אַזוי אַרום שפּרייט זיך דער טראַקטער די גאַנצע צייַט רעלסן אונטער די רעדער.

דער קריג-טראַקטער דאַרף געוויינלעך קיין וועג ניט האָבן. ער האָט אים שטענדיק מיט זיך. ער גייט שטענדיק גרינג סײַ איבער אַ פאַראַקערט פעלד, סײַ איבער אַ זומפּ, סײַ איבער שניי. די ברייטע לענטעס, ווי שניי-גליטשערס, לאָזן אים ניט אײַנזינקען.



דאָ ניט לאַנג איז אַן אָטריאַד פון קריג-טראַקטערס דורכגעגאַנגען 300 קילאָמעטער איבער טיפן שניי פון אַרכאַנגעלסק ביז די דרימלענדיקע וועלדער צווישן מעזענע און פּענעגע די שניי-טיפקייַט האָט דערגרייכט ביז 3 מעטער. ערטערווײַז האָבן דעם וועג פאַרשטעלט קאָלאָסאַלע שניי-קופּעס, וועלכע ס'איז אויסגעקומען דורכשלאָגן מיט אײַמפּעס. די פאָדערשטע מאַשינעס האָבן מיט די בערשטן דורכגעלייגט טראַנשייעס, אָפּרייניקנדיק דעם וועג פאַרן אָטריאַד.

ניט געקוקט אויף די פרעסט און שניי-שטורעמס, זײַנען אַלע 10 טראַקטערס געקומען אויפן אָרט ניט צעשעדיקט.

איינער פון די אָנטיילנעמער אינעם דאָזיקן וווּנדערלעכן מאַרש דערציילט, אַז אַנטקעגן דעם אָטריאַד זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון די דערפער פּויערים מיט לאָפּעטעס. אָבער די לאָפּעטעס האָט מען קיין איינמאָל ניט באַנוצט. די טראַקטערס האָבן אַליין אָן זײַטיקער הילף זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די שניי-הויפנס.

— אָט די דאָזיקע קאָן מען אַפילו קיין מעזענע דערגיין, — האָבן די פּויערים געיאָגט.

— מירן דערגיין ביזן פּאָליוס, — האָט אָפּגעענטפערט דער קאָמאַנדיר פונעם אָטריאַד.

לעבעדיקע מאַשינעס

אַלץ, וואָס באַוועגט זיך, דוכט אויס אויפן ערשטן קוק ווי לעבעדיק. אַ מאַשין אין באַוועגונג דערמאַנט אונדז אָפטמאָל אַ לעבעדיק באַשעפעניש, און וואָס פריִער די מאַשין באַוועגט זיך, אַלץ איז די דאָזיקע ענלעכקייט גרעסער.

די אעראָפּלאַנען דערמאַנען אין פויגלען. אונטערוואַסער-שיפלעך, דיריזשאַבלען, יאַג-אויטאָמאָבילן, — דערמאַנען אין פיש.

אָבער קיין איין מאַשין דערמאַנט ניט אַזוי אין אַ לעבעדיק באַשעפעניש, ווי דער קריג-טאַנק.

איינמאָל בין איך געגאַנגען מיטן באַן-אָנשיט און האָב געזען, וויִאַזוי טאַנקען האָבן געמאַכט לערן-איבונגען. זיי האָבן פלינק זיך אויסגעקערעוועט אויפן אָרט, זיי זײַנען איבערגעקראָכן דורך ריוועס, זיי האָבן אויפן בויך זיך איבערגעקײַקלט דורך בערג, האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך וואַלד-געדיכטעניש. עס האָט זיך געדוכט, אַז סע שטיפן קינדער פון עפעס אַ קאָלאָסאַלער פאַרמאַבלדיקער באַשעפעניש...

לענגאויס דעם בערג זײַנען געוואַקסן, אויסציִענדיק זיך אין אַ ריי, אַלטע ווערבעס. די טאַנקען האָבן זיי צעפּאַטערט פאַר אַ האַלבע שאָ צײַט.

צוגייענדיק צו אַ בוים, האָט דאָס באַשעפעניש מיט דער ברוסט זיך אַרופגעוואַלגערט אויפן שטאַם. עס האָט



זיך דערהערט א טרוקענער טראסק, פּונקט ווי מע וואָלט געשפּאלטן סקאלקעס פֿאר א קאָלאָסאלן סאמאָוואר. דער צעפּלאצטער בוים איז פּאוואָלינקע אומגעפֿאלן, מאכנדיק א וועג פֿארן שטאָלענעם טריכער. אפֿן אָרט פֿונעם וועלדל מיט וויינענדיקע ווערבעס זײַנען איבערגעבליבן עטלעכע צענדליק מעשונעדיק־קריפּלדיקע קאָרטשן. עס איז באלד געווען צו דערקענען, אז דידאָזיקע ביימער זײַנען צעבראָכן געוואָרן ניט דורך מענטשלעכע הענט.

דאָס זײַנען געווען דיזעלבע טאנקן, וואָס האָבן אין 1918 יאָר אָנגעוואָרפֿן אזא פּאכעד אפֿ דער דײַטשישער ארמיי. פֿאר קנאפּע 2 שאָ צײַט האָבן די טאנקן צעגראָמירט 7 דיוויזיעס, האָבן גענומען אין געפֿענקעניש 150 טויזנט מענטשן און 400 הארמאטן.

אָבער אינטערעסאנט איז, וואָס דידאָזיקע שרעקלעכע טאנקן זײַנען גאָרניט אזוי שרעקלעך, ווי עס דוכט זיך. שיסן פֿונעם טאנק בעיסן גאנג — איז אלציינס, ווי שרײַבן זיצנדיק אפֿ א פֿערד, וואָס גאלאָפּירט. איבער דער שרעקלעכער טרייסלעניש איז טרעפֿן אין ציל קימאט אומעגלעך.

דער טאנק איז שרעקלעך ניט מיט די הארמאטן און ניט מיט די קוילנוואַרפֿער. וויבאלד אזוי, טאָ מיט וואָס־זשע איז ער פֿאָרט שרעקלעך?

שטעלט זיכ פאָר, אז איר זיצט איִנ א גוט־פארפעסטיקטנ שוץ־גראָבנ אונ איר מיינט, אז איר זיַינט פולשטענדיק באוואָרנט.



פלוצלינג דערזעט־איר אזא גרינ באשעפעניש, וואָס קריכט אפ אייַכ, ניט לייגנדיק קיינ אכט אפ אייַער באפעסטיקונג אונ פארצוימונג. מע דארפ האָבנ גאָר שטארקע נערוונ, אז מע זאָל זיכ ניט פארלירנ אונ ניט לאָזנ זיכ לויפנ.

דער אומעטומגייער וועט נאָכ מערער זיַינ ענלעכ צו א באשעפעניש. ער וועט נאָכ לייַכטער זיכ אויסקערעווענ איִנ אלע זיַיטנ, קאראבקענ זיכ בארג ארופ, אריבערקריכנ איבער ריוועס, אָבער אכוץ דעמ וועט ער טויכנ, שווימענ, פליִענ. דער מענטש וועט שאפנ א באשעפעניש, וואָס די נאטור האָט נאָכ ניט באשאפנ.

די ראָד אָדער די קריכ־לענטע

אפ וואָס־זשע וועט גיינ דער אומעטומגייער—אפ רעדער, ווי אנ אווטאָמאָביל, צי אפ קריכלענטעס, ווי א טאנק?

אויב מע וועט דעמ אומעטומגייער אוועקשטעלנ אפ קריכ־לענטעס, וועט ער גיינ אויסגעצייכנט איבער א ניט־גלייַכ צעגראָבנ פעלד. אָבער אפ גיינ איבער א וועג וועט ער לאכלוטנ ניט טויגנ. באמ באוועגנ זיכ איבער וועגנ טראָגנ זיכ די קריכ־לענטעס גיכ אָפ, אונ אויכ דער וועג ווערט קאליע, אונ דער איקער איז,



וואָס אפ קריכ־לענטעס וועסטו איבער א וועג די רעדער ניט דעריאָגנ. דער אומעטומגייער דארפ ניט מוירע האָבנ פאר קיינ אָנוועג, אונ אוואדע שוינ טאָר אימ ניט אָפשרעקנ קיינ וועג. אוועקשטעלנ דעמ אומעטומגייער אפ רעדער טאָר מענ אָבער אויכ ניט. אזעלע אזעלכע רעדער, ווי בא דער מאשינ „סיזער", האָבנ ניט ליב קיינ שטארק צעגראָבענעמ וועג, אונ איבער שניי, בלאָטע, טיפנ זאמד וועלנ זיי אינגאנצנ ניט דורכפאָרנ.

בלײַבט נאָר אײנס—אַז דער אומעטומגײער זאָל האָבנ אי דאָס, אי יענצ,—אי רעדער, אי קריכ־לענטעס.



אינ אמעריקע האָט מענ נאָכ אינ 1918 יאָר אויסגעבויט א רעדערדיק־קריכלענטעדיקנ טאנק, וואָס האָט אפ די קריכ־לענטעס זיכ באַוועגט מיט א שנעלקייט פונ 16 קילאָמעטער א שאָ, אונ אפ די רעדער איז ער דורכגעגאנגענ פאר א שאָ 35 קילאָמעטער.

דער פראַנצויזישער טאנק פונ 1924 יאָר גײט אויכ לײַכט אי אפ רעדער, אי אפ קריכ־לענטעס. ווענ ער גײט מיטנ פעלד, זײַנענ די רעדער אופגעהויבנ; ווענ ער גײט אריבער אפ א וועג, לאָזנ זיכ די רעדער אראָפ. דאָס געדויערט 15 מינוט.

מע זאָגט, אַז אינ ענגלאנד האָט מענ אויסגעבויט א קריכ־לענטעדיקנ טאנק, וואָס גײט מיט א שנעלקײַט ביז 40 קילאָמעטער א שאָ. אויב דאָס איז ריכטיק, דאנ קאָנ מענ דעמ שטרײַט צווישנ דער ראָד אונ דער קריכ־לענטע נאָכ ניט האלטנ פאר געענדיקט.

דאָס דעראָבערנ דעמ שניי

פיס אונ קריכ־לענטעס—זײַנענ נײַע קאָנקורענטנ פונ דער ראָד. אָבער די ראָד האָט אויכ אנדערע קאָנקורענטנ, גאָר אלטע—דאָס זײַנענ די גליטש־שטאנגענ אונ שניי־גליטשערס.



די גליטש־שטאנגענ האָט מענ דערפונדנ נאָכ פריִער ווי די רעדער. אפ א שליטנ איז מענ אמאָל געפאָרנ סײַ ווינטער סײַ זומער. אפנ אינדזל מאדערע 1) קאָנ מענ נאָכ ביז איצט באַגעגענענ א פויער, וואָס פאָרט אפ א שליטנ איבער טרוקענער ערד. די זונ ברענט שרעקלעכ. פונ שניי איז אפילע קיינ זייכער ניטאָ—ער איז דאָ אפילע קיינמאָל ניט פאראנ. אָבער דעמ פויער איז דאָס אלצײנס. ער טרײַבט פאמעלעכנ די אָקסנ, וועלכע שלעפנ קאמ־קאמ איבער דער ערד דעמ סקריפענדיקנ שווערנ שליטנ.

ווענ מע האָט דערפונדנ דעמ אווטאָמאָביל, האָט מענ גענומענ קלערנ, ווי אזוי פאסט מענ אימ צו, ער זאָל קאָנענ פאָרנ איבער שניי. אָבער בלויז דאָ ניט לאנג האָט זיכ ענדלעכ אײַנגעגעבנ פארוואנדלענ דעמ אווטאָמאָביל אינ א שליטנ—שאפנ אנ אויטאָ־אינ אַעראָשליטנ. אנ אווטאָשליטנ—דאָס איז אנ אויטאָמאָביל מיט א קריכגאנג אינ מיט שניי־גליטשערס אנשטאָט די פאָדערשטע רעדער. א געוויינלעכנ אווטאָמאָביל איז גרינג צו פארוואנדלענ אינ א אווטאָ־שליטנ. די פירמע „פאָרד" פארקויפט אלע צוליב דעמ נייטיקע טיילנ באזונדער.

1) מאדערע א אינדזל אינעמ אטלאנטישנ אָקעאנ, 650 קילאָמעטער פונעמ מײַרעװ־ברעג אפריקע.

די שניי־גליטשער און די ברייטע קריכ־לענטעס האלטנ אונטער דעמ אווטאָשליטנ אפנ שניי, ניט לאָזנדיק אימ איינ־זינקענ.

זומער קאָנ מענ די שניי־גליטשערס ווידער פארבייטנ אפ רעדער, און דאנ ווערט דער אווטאָשליטנ פארוואנדלט אינ א אווטאָ, וואָס טויג צומ באוועגנ זיכ איבער אנ אָנוועג.

אינ אמעריקע קאָנ מענ אָפט זענ דעפאָרטסמענע אפ שניי־גליטשערס, וועלכע טראָגנ זיכ הענדעמ־פענדעמ, האלטנדיק זיכ פאר לייצעס, וואָס זיינענ צוגעבונדנ צו א אווטאָשליטנ.



די צווייטע לייזונג פונ דערדאָזי־קער אופגאבע—איז אנ עראָשליטנ. אימ באוועגט א פראָפעלער פונקט אזא, ווי באמ עראָפלאנ. דער פראָ־פעלער דרייט זיכ, שרויפט זיכ אריינ אינ דער לופט און שלעפט נאָכ זיכ דעמ שליטנ.

ווי א ווינט, טראָגט זיכ דער גרינגער שליטנ אפ זיינע 3 שניי־גליטשערס איבערנ שנייִקנ פעלד. ווהינ מע וויל, אהינ פאָרט מענ, איבערלאָזנדיק נאָכ זיכ דריי לאנגע קאָליעס. דאָס איז ניט קיינ טראקטער, וואָס שלעפט פאמעלעכנ איבערנ שניי זיינ אומגעלומפערטנ קערפער. דאָס איז גיכער אנ עראָפלאנ, נאָר אָנ פליגל.

דעמ בעסטנ עראָשליטנ אינ דער וועלט האָבנ קאָנסטרויִרט אונדזערע געלערנטע, טוער פונ די אינסטיטוטנ פונ צאהאי (צענטראלער עראָהידראָדינאמישער אינסטיטוט) און נאמאי (וויסנשאפטלעכער אווטאָמאָטאָרישער אינסטיטוט).

אפ דערופ איז ניטאָ זיכ וואָס צו כידעשנ. גראָד אונדז איז דאָכ דער עראָשליטנ מער נייטיק, ווי עמעצנ אנדערש. דער



גרעסטער טייל פונ אונדזער פארבאנד איז אינ מעשעכ פונ אסאכ כאדאָשימ אינ יאָר באדעקט מיט שניי. קאָלאָסאלע ראיאָנענ זײַנענ א גאנצנ ווינטער אָפּגעשניטנ פונעמ צענטער, פונ די גרויסע שטעט. באלעבנ די וויסטע טונדרעס אונ סטעפּעס פונ צאָפנ אונ מיזרעכ פונ פסר״ר—דאָס איז די אופגאבע, פאר וועלכער עס איז נייטיק דער אעראָשליטנ.

דער לעצטער דורכלויפ פונ מאָסקווע ביז אוראל אונ צוריק האָט געוויזנ, אז די אעראָשליטנס קאָנענ זיכ ספּראווענ מיט דערדאָזיקער אופגאבע.

זיי זײַנענ געגאנגענ מיט שמאָלע וואלד־וועגנ, מיט טײַכבעטנ. אז א מענטש איז ארויסגעקראָכנ פונעמ שליטנ, איז ער ביזנ האלדז געזונקענ אינ שניי. דעמ וועג האָט מענ געפונענ לויטנ קאָמפּאס. אונ ניט געקוקט אפ אלע שוועריקײַטנ, האָבנ די אעראָשליטנס בעשאָלעמ זיכ אומגעקערט קיינ מאָסקווע, דורכגייענדיק 3500 קילאָמעטער.

עס איז פאראנ נאָכ א שנייגייער. בא אימ זײַנענ ניטאָ ניט קיינ רעדער, ניט קיינ שניי־גליטשער, ניט קיינ קריכ־לענטעס. פונ בײדע זײַטנ גייענ בא אימ צוויי קאָלאָסאלע גרײַצערס. א מאָטאָר צווינגט די גרײַצערס זיכ דרייענ אונ שרויפט זיי אײַנ אינ שניי, ווי אינ א קאָרעק. די גרײַצערס גייענ פאָרויס אונ טראָגנ אפ זיכ דעמ קאָרפּוס פונ דער מאשינ. אזא שנייגייער הייבט זיכ לײַכט אופ אפ א שטארק מעשופּעדיקנ שנייִקנ בארג, אפ וועלכנ א מענטש אפילע וועט ניט קאָנענ ארופקריכנ.

ערדוואסער־טאנקנ

דעראָבערג די יאבאָשע—דאָס איז בלויז א טייל אופגאבע. דעמ אומעטומגייער דארפנ זײַנ צוטרעטלעכ אי די וואסער, אי די לופט.

אויב דער אומעטומגייער באגעגנט אפ זײַנ וועג א טײַכ, דארפ דאָס אימ ניט אָפּשטעלנ. א פליטקע טײַכ וועט ער איבערגיינ, אונ א טיפנ—איבערשווימענ.

דאָ ניט לאנג האָט מענ אינעמ מארסייער פּאָרט[1] אויסגעפּרווט דעמ ערשטנ ערדוואסער־אומעטומגייער — דעמ טאנק „פּאָנקינאָס“.



איבער דער ערד גייט דער „פּאָנקינאָס“ אפ קריכ־לענטעס. צוגייענדיק צו א ברעג, קריכט ער דרייסט אינ וואסער אונ לאָזט זיכ שווימענ, אויסשליסנדיק דעמ קריכ־גאנג אונ איַינשליסנדיק דעמ דאמפּ־שיפיקנ שרויפּ. אויב מע דארפ, טוקט זיכ דער טאנק אונטער אונטערנ וואסער אונ ווערט פארוואנדלט אינ א אינטערוואסער־שיפל. אָבער דאָס איז ווייניק. אפ זייַנע קריכ־לענטעס קאָנ דער „פּאָנקינאָס“ לויפנ איבערנ דנאָ, — דאָס, וואָס עס קאָנ ניט טונ קיינ איינ אונטערוואסער־שיפל.

אינ אמעריקע אונ אינ ענגלאנד ארבעט מענ אויכ איבערנ אויסבויענ ערדוואסער־טאנקנ. אנ אמעריקאנישער טאנק איז באמ אויספּרווונ דורכגעשווומענ 2 קילאָמעטער אונ איז בעשאָלעמ ארויסגעקראָכנ אפנ קעגניבערדיקנ ברעג.

ערדוואסער־אווטאָמאָבילנ באנוצט מענ ניט בלויז אינ דער מיליטער־זאכ. אינ דייַטשלאנד באנוצט מענ זיכ מיט בייַרעדערדיקע שיפלעכ־מאָטאָציקלענ אפ צו ראטעווענ מענטשנ, וואָס טרינקענ זיכ. דער מאָטאָציקל פּאָרט צו צומ ברעג, לאָזט זיכ שווימענ, קלייַבט אונטער דעמ מענטשנ, וואָס טרינקט זיכ, אונ פירט אימ אָפּ, אויב מע דארפ, גלייַכ אינ שפּיטאָל.

אונטערוואסער־טאנקנ

אפ אופצוהייבנ דערטרונקענע שיפנ האָט דער אמעריקאנישער אינזשענער דזשעמס רענאָ אויסגעטראכט אנ אונטערוואסער־טאנק. דאָס איז א פלאטפאָרמע אפ קריכ־לענטעס. אפ דער פלאטפאָרמע איז פאראנ א שטאָלענער קייַלעכיקער טורעמ. דעמ טאנק לאָזט מענ אראָפּ אפ טראָסנ, ווי א וואסערטויכער.

[1] מארסיי — א האפנ אינ דאָרעמ־פראנקרייַכ.



שטעלנדיק זיכ אפנ דנאָ, גייט דער טאנק צו צו דער דערטרונ־קענער שיפ. עס ווערט איינגעשלאָסנ א פראָזשעקטער, אונ די העלע שיינ פאלט אפנ באָרט פונ דער שיפ.

פונעמ שטאָלענעמ טאנק־טורעמ קריכנ ארויס צוויי הענט— צוויי לאנגע עקבערס. די עקבערס נעמענ בויערנ דעמ באָרט פונ דער שיפ. צוויי לעכער זיינענ געמאכט. דער טאנק גייט ווייטער. ארומגייענדיק די שיפ ארומ אונ אויסבויערנדיק לענ־גויס איר באָרט א ריי לעכער, נעמט זיכ דער טאנק פאר א נייער ארבעט—ער שטעלט ארייג אינ די לעכער די אייזערנע האטשעריעס פונ די הייב־טראָסנ.

דאָ ניט לאנג האָט מענ אפ אזא אויפנ אויפגעהויבנ לעבנ נייו־יאָרק א דערטרונקענעמ קאנאָנענ־שיפ.

דער אומעטומפליער

דאָס שווערסטע איז דעראָבערנ די לופט. דער אומעטומ־גייער דארפ זיינ גלייכצייטיק אויכ אנ אומעטומפליער. אָנרופנ אומעטומפליער דעמ איצטיקנ עראָפלאנ קאָנ מענ בעשומויפנ ניט.

אפילע א קליינ שפערל קאָנ אראָפפליִענ אונ אראָפלאָזנ זיכ, ווו אימ פאווילט זיכ. אונ דער אעראָפלאנ פאָ ערט צוליב דעמ זעצנ זיכ אונ צוליבנ אראָפלאָזנ זיכ א גרויסנ אונ גלײַכנ שעטעכ.

די גאַנצע צאָרע איז אינ דעמ, וואָס דער אעראָפלאנ, קאָ־נענדיק פליִענ זייער שנעל, קאָנ אָבער ניט פליִענ פאוואָליע. אראָפלאָזנדיק זיכ אפ דער ערד, טראָגט ער זיכ שנעלער פונעמ שנעלסטנ צוג. אויב אפנ וועג איז פאראנ א שטערונג—א בוימ אָדער א סלופ, דאנ ווערט דער אעראָפלאנ צעקלאפט אפ שפענדלעכ.

אפ די לופט־ליניִעס קומט אויס צו מאכנ אפ יעדנ פאל פלעצער, צעשטעלנדיק זיי אינ א קייט מיט צווישנבלויזנ ניט מער פונ 50 קילאָמעטער. אזוי אז דער אעראָפלאנ פאָדערט אויכ א וועג, האגאמ, געוויינלעכ, אינ א קלענערער מאָס איידער דער צוג אָדער דער אוטאָמאָביל.

אָבער די אעראָפלאנענ האָבנ נאָכ גאָראנ אנדער כיי־סאָרנ.

יענע אעראָפלאנענ, וואָס קאָנענ זיכ זעצנ אפ דער ערד, קאָנענ זיכ ניט זעצנ אפ וואסער, אונ פארקערט. אזא אומעטומפליִער, וואָס זאָל קאָנענ, ווי א ווילד ענטל אָדער מעווע, פריַי אויס־קלײַבנ אנ אָרט פארנ אופהייבנ אונ אראָפלאָזנ זיכ, האָבנ די מענטשנ נאָכ ניט אויסגעטראכט.

אסאכ דערפינדער ארבעטנ אצינד איבערנ אויסבויִענ דעמ אומעטומפליִער.

אינ דעקאבער 1924 האָבנ איַינוווינער פונ מאדריד—הויפּ־שטאָט פונ שפאניע — דערזענ אינ דער לופט א מאָדנע מאשינ. זי האָט אויסגעזענ ווי אנ עמעסע ווינטמיל, וואָס אזעל־כע זײַנענ אינ שפאניע פאראנ אסאכ, אָבער אזעלכע מילנ, וואָס זאָלנ פליִענ אינ דער לופטנ, פאָכענדיק מיט די פליגל, האָבנ די שפאניער נאָכ ניט געזענ.

אופהייבנדיק זיכ אפ א הייכ פונ 100 מעטער, האָט די מאָדנע מאשינ געמאכט עטלעכע קרײַזנ אינ דער לופט אונ האָט זיכ

פאוואָלינקע אראָפּגעלאָזט אפּ דער ערד, אָבער ניט אזוי ווי אנ אעראָפּלאנ, נאָר אינ א ווערטיקאלער ליניע.

דאָס איז געווענ אנ „אווטאָזשיר״—די לופט־שיפּ פונעמ אינזשענער ליא סיערווא.

דער אווטאָזשיר אונטערשיידט זיכ פונ אנ אעראָפּלאנ דערמיט, וואָס ער קאָנ זיכ אראָפּלאָזנ לויט א ווערטיקאלער ליניע, אונ דערביי זייער שוועביק. לויטנ אויסזענ איז דאָס אנ אעראָפּלאנ, בא וועלכנ סע זיינענ אנשטאָט געוויינלעכע פליגל צעשטעלט 4 לאָפּעטעס אינ דער פאָרמ פונ א קרייצ, ווי די פליגל פונ א ווינטמיל. באמ פליענ דרייט דידאָזיקע פליגל א אנטקעגנדיקער ווינט.

אנ אווטאָזשיר איז אָבער דאָכ ניט קיינ אומעטומפליער.

אראָפּלאָזנ זיכ קאָנ ער ווי עס באדארפ צו זיינ. אָבער אופהייבנ זיכ לויט א ווערטיקאלער ליניע קאָנ ער ניט.

ערשט ניט לאנג האָט דער איטאליענער איזאקאָ אויסגעפונט א „העליקאָזשיר״, וואָס קאָנ ניט בלויז אראָפּלאָזנ זיכ, נאָר אויכ אופהייבנ זיכ אינ א ווערטיקאלער ליניע. ער איז שטארק ענלעכ אפנ אווטאָזשיר. דער כילעק איז אינ דעמ, וואָס בא אימ זיינענ פאראנ ניט קיינ 4 פליגל, נאָר צוויי, אונ אפנ עק פונ יעדנ פליגל שטייט א מאָטאָר מיט א פּראָפּעלער.

ווענ מע דארפ זיכ אופהייבנ, ברענגט מענ דידאָזיקע מאָטאָרנ אינ באוועגונג. דער פראָפעלער שלעפט דעמ פליגל פאָרויס, אונ די „מיל" נעמט זיכ דרייענ אליינ אָנ א שום ווינט. די פליגל שרויפנ זיכ אײַנ, ווי א קאָרקאָסאלער שרויפ, אינ דער לופט אונ הייבנ אופ דעמ אעראָפלאנ. אופהייבנדיק זיכ אפ א גענוגנדיקער הייכ, שטעלט דער פליִער אָפ די מאָטאָרנ וואָס אפ די פליגל אונ שליסט אײַנ יענעמ מאָטאָר, וואָס געפינט זיכ באַמ אעראָפלאנ פונפאָרנט.

אזוי אז דער העליקאָזשיר האָט דרײַ מאָטאָרנ: צוויי אפ אופצוהייבנ זיכ אונ איינעמ אפ צו באוועגנ זיכ פאָרויס.

אינ די אויסלענדישע זשורנאלנ שרײַבט מענ, אז דער העלי־קאָזשיר הייבט זיכ אופ אונ לאָזט זיכ אראָפ קימאט לויט א ווערטיקאלער ליניע. אויב דאָס איז עמעס, איז דער אומעטומ־פליִער שוינ אויסגעבויט, עס פעלט נאָר אָט וואָס: דער אומע־טומפליִער דארפ קאָנענ זיכ אראָפלאָזנ סײַ אפ דער ערד, סײַ אפ וואסער. אזא אפאראט האָט זיכ אײַנגעגעבנ אויסבויענ דעמ אמעריקאנער לענינג. זײַנ אמפיביע (געוויינלעכ הייסט אמפיביע אנ ערדוואסער־באשעפעניש) האלט זיכ אפנ יאמ ווי א הידראָ־פלאנ, אונ אפ דער יאבאָשע—ווי א געוויינלעכער אעראָפלאנ אפ רעדער. לענינגס אמפיביע איז א זומערדיק שיפל מיט רעדער. אינ יעטווידנ מאָמענט קאָנ מענ די רעדער באהאלטנ אינעווייניק אינ שיפל. דערופ פאָדערט זיכ בלויז 5 סעקונדעס.

דער אומעטומגייער

דער אומעטומגייער וועט נעמענ דאָס בעסטע, וואָס איז פאראנ באַמ קריכ־טראקטער, באַמ אטוואָשליטנ, באַמ ערד־וואסער־טאנק, באַמ העליקאָזשיר, אווטאָזשיר, אמפיביע.

ער וועט שפאצירנ אינ דער לופט, ווי אפ דער ערד. ער וועט זיכ קאָנענ אראָפלאָזנ אפ א דאכ פונ א געבײַדע, אי אפ די יאַליעס פונעמ אָקעאנ. ער וועט זיכ אופהייבנ פונ א שווימענדיקער קריִהע אונ פונ א וואלד. ער וועט אויכ בל[illegible]קענ איבער זאמדנ אונ זומפנ, ער וועט אריבער־

קריכנ איבער ריוועס אונ גריבער, ער וועט צערוקנ קוסטנ אונביימער־צוויַיגנ, ער וועט שווימענ, אי טויכנ, אי גייַנ איבערנ דנאָ.

געוויינלעכ וועט אזא אומעטומגייער „א קאָלבוי" אויסגעניצט ווערנ אינ דער ערשטער ריי פאר רייַזעס איבער ניט־אויס־געפאָרשטע לענדער. געוויינלעכע רייַזעס וועט מענ מיסטאָמע מאכנ אפנ אומעטומפליער מיט א הויב־שרויפ. פאר מאכעווע פראכט־טראנספאָרטנ וועלנ זיכער בלייַבנ אויכ וועגנ—איבער־ערדישע, אונטערערדישע, הענגענדיקע אונ א. וו. דאָס ענדערט ניט די זאכ. ניט פארניכטנ די וועגנ, נאָר באזיגנ דעם אָנ־וועג—אָט צו וואָס עס שטרעבט איצט דער געדאנק פונעם דער־פינדער, אָט צוליב וואָס בויט מענ איצט די אלע טאנקנ, אמפיביעס, אווטאָזשירנ, העליקאָזשירנ, אעראָשליטנס אונ אווטאָ־שליטנס.

דער יאָרהונדערט פונ וועג אונ דער יאָרהונדערט פונ אָנוועג

דעמ פארגאנגענעמ יאָרהונדערט וואָלט מענ געקאָנט אָנ־רופנ—יאָרהונדערט פונ וועג. 1830 יאָר האָט מענ אויסגעבויט דעמ ערשטנ אייַזנבאנ. פונ דעמ יאָר האָט אינ דער גאנצער וועלט זיכ אָנגעהויבנ א שטורמישע בויונג פונ באנ־וועגנ. פאר 100 יאָר האָט די לענג זייערע אריבערגעשטיגנ אינ עטלעכע מאָל דעמ מעהאלעכ פונ דער ערד ביז דער לעוואָנע.

פונ יאָר צו יאָר ווערט דאָס לעבנ וואָס ווייַטער אייַליקער. וואָס ווייַטער, טראָגנ זיכ אלצ שנעלער די צוגנ איבער די רעלסנ.

אונ אָט איז אָנגעקומענ א נייַער יאָרהונדערט—א יאָרהונדערט פונ אָנוועג. עס איז אונדז געוואָרנ ענג אינ דער אייַזנ־באנ־נעצ. מיר דארפנ האָבנ א גרעסערע שנעלקייַט, א גרעסערע פרייַהייַט פונ באוועגונג.

אָנפאנג פאָריקנ יאָרהונדערט האָט דער ערשטער צוג זיכ א קייַקל געטאָנ איבער דער באשטימטער פאר אימ קאָליע.

אינ אָנהייב פונ איצטיקנ יאָרהונדערט האָט דער ערשטער אעראָפלאנ פרייַ זיכ אוועקגעטראָגנ איבער דער ערד.

ціна 45 коп

М. ІЛЬЇН



укрдержнацменвидав